אין די יסורים און מלכות. און סבלנות פון ישוען,
בין געווען אויף דער אינזל, וואָס הייסט פּאַטמאָס,
צוליב ג־טס וואָרט און דעם עדות־זאָגן פון ישוען·
10 איך בין געווען אינם גייסט אין דעם טאָג פון דעם
האַר, און האָב געהערט הינטער מיר אַ הויך קול, ווי
11 פון אַ שופר, אַזוי צו זאָגן: וואָס דו זעסט, דאָס שרייב
אין אַ ספר און שיק עס צו די זיבן קהלות: קיין
עפעזוס, און קיין סמירנאַ און קיין פּערגאַמוס און
קיין טיאַטירא און קיין סאַרדעס און קיין פילאַדעל־
12 פיאַ און קיין לאַאָדיצעאַ· און איך האָב מיך אומגע־
קערט, צו זעען דאָס קול, וואָס האָט גערעדט מיט
מיר· און אומקערנדיק זיך, האָב איך געזען זיבן
13 מנורות פון גאָלד; און אין דער מיט פון די מנורות
איינעם, גלייך צום בן־אדם, אָנגעטון אין אַ לאַנגן
מאַנטל, און אַרומגעגאַרטלט אַרום דער ברוסט מיט
14 אַ גאָלדענעם גאַרטל· און זיין קאָפּ און זיינע האָר
זענען געווען ווייס, ווי ווייסע וואָל, ווי שניי; און
15 זיינע אויגן, ווי אַ פלאַם פייער; (דניאל ז׳ ט׳) און זיינע
פיס, ווי פיין קופער, בשעת עס גליט אין אויוון; און
16 זיין קול, ווי דאָס גערויש פון אַ סך וואַסערן· און האָט
געהאַט אין זיין רעכטער האַנט זיבן שטערן; און
פון זיין מויל גייט אַרויס אַ שאַרפע צווייישניידיקע
שווערד; און זיין פנים האָט געשיינט ווי די זון
17 אין איר מאַכט· און ווען איך האָב אים געזען,
בין איך אַנידערגעפאַלן פאַר זיינע פיס, ווי אַ מת·
און ער האָט געלייגט זיין רעכטע האַנט אויף מיר, און
געזאָגט: האָב נישט קיין מורא; איך בין דער ערשטער
18 און דער לעצטער, און דער לעבעדיקער; איך בין
געווען טויט, און אָט לעב איך לעולמי עולמים, און
האָב דעם שליסל פון טויט און פון שאול־תחתיה·
19 שרייב דעריבער וואָס דו האָסט געזען, און וואָס